בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ערש"ק פ' וירא | י"ד חשון | תשע"א | סוטה חזרה

# באריכט:

נעכטן נאכמיטאג איז האדמו"ר מ'בית שמואל צבי ספינקא שליט"א געקומען צו מרן רבינו שליט"א אויף א באזוך לרגל די חתונה פון א קינד וואס קומט פאהר אי"ה די קומענדיגע וואך, ווי עס האט זיך פארמירט א הערליכע שמועס בדבי תורה וסיפורי צדיקים.

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א', פאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' אברהם חיים היילברוין הי"ו פון קרית יואל.

דעם שב"ק וועט אי"ה דער רבי שליט"א אריינקומען צום טיש ליל שב"ק ארום 15 מינוט נאכ'ן גוט שבת זאגן אין היכל השלחנות אינאיינעם מיט די בחורי חמד תלמידי הישיבה.

## בית השחיטה המהודרת אין קרית יואל ברייטערט אויס אירע מעגליכקייטן

צוליב'ן געוואלדיגער וואוקס און געברויך בלעיה"ר אינע'ם בית השחיטה המהודרת דקהלתינו הק' אין קרית יואל, האט די פארוואלטונג נעכטן צוגעבויעט צוויי ריזיגע גענערעטארן וואס זאל ערמעגליכן דעם בית השחיטה ווייטער צו פינקציאנירן אין פאל פון קרוצשלוס אד"ג.

## נייע זמנים פאר "ושננתם לבניך" אין וויליאמסבורג

די קומעדיגע 3 וואכן וועט אי"ה פארקומען דער סדר פון ושננתם לבניך אין היכל תהילת יהוסף אין וויליאמסבורג נאר מיט איין חבורה – תיכף נאך מעריב פון הגה"צ דער רב שליט"א.

## ברוך דיין האמת

היינט איז נפטר געווארן הרה"ח הישיש ר' אברהם דוד קעפעטש ז"ל (שטריימל מאכער) פון קרית יואל, דער לוי' איז ארויס פארנט פון

ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל אויפן וועג צום ביה"ח.

## ניחום אבלים

ביי משפחת הרה"ח הישיש ר' חנני' יו"ט ליפא שטיינבערג ז"ל זיצט מען שבעה ביז דינסטאג אינדערפרי.

מען זיצט אין זיין שטוב אויף 1450 49'סטע גאס אין בארא פארק.

*ובלע המות לנצח*

*-בשורות טובות-*

***בברכת שבתא טבא***
***המערכת***

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויף ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**